Jiddisch/אידיש




# וויאזוי צו שטימען

**פאלגענד איז ווי אזוי צו שטימען פאר די שוועדישע פארלימענט, מוניציפאלע קאונסילס און קאונטי קאונסילס.**

**ווער איז בארעכטיגט צו שטימען?**

צו שטימען מוזט איר זיין אמווייניגסטנס 18 יאר אלט אינעם טאג פון די וואלן. דאס איז גילטיג פאר אלע וואלן. די אינפארמאציע אין די שטייער אגענטור'ס פאפולאציע רעגיסטרי **30 טעג פאר די טאג פון די וואלן** באשטימט אויב איר האט די רעכט צו שטימען און אייער וואלן דיסטריקט.

איר האט א רעכט צו שטימען אין די וואלען פאר די שוועדישע פארלימענט אויב איר זענט:

- א שוועדישע בירגער און שוועדן.
- א בירגער פון איינס פון די מיטגליד שטאטן פון די אייראפעאישן פארלאמענט, אדער א בירגער פון אייסלאנד אדער נארוועגיע, און זענט רעגיסטרירט אין שוועדן.
- א בירגער פון אן אנדערע לאנד, און זענט געווען רעגיסטרירט אין שוועדן פאר דריי יאר נאכאנאנד איידער די טאג פון די וואלען.

**די וועלכע זענען בארעכטיגט צו שטימען באקומען א שטים קארטל**

אויב זענט איר בארעכטיגט צו שטימען וועט איר באקומען א שטים קארטל אין די פאסט ארום דריי וואכן פאר די וואלען. די שטים קארטל ציינט אין וועלכע וואלן איר האט א רעכט צו שטימען, ווי אויך די נאמען, אדרעס און שטונדען פון שטימען אין אייער שטים סטאנציע. די שטים קארטל ווייזט אויך אינפארמאציע איבער וואו איר קענט שטימען פארן טאג פון די וואלען. אויב ווילט איר שטימען פרי, פאר די טאג פון די וואלען, דארפט איר האבן אייער שטים קארטל מיט אייך.

אויב האט איר נישט באקומען אייער שטים קארטל, אדער איר האט עס פארלוירן, קענט איר באשטעלן א נייע פון די מוניציפאליטעט אדער וואל אויטאריטעט.

**צעטלעך**

די צעטלעך פאר די שוועדישע פארלימענט וואלען זענען געל, פאר די מוניציפאלע קאונסיל וואלען ווייס און בלוי פאר קאונטי קאונסיל וואלען. צעטלעך זענען גרייט ביי אלע ערטער ווי איר קענט שטימען, און ביי די פארטייען. אויב איר שטימט פון פאראויס, פאר די טאג פון די וואלן, אדער איר שטימט דורך א שליח, קענט איר באשטעלן אדער אפנעמען אייערע שטים צעטלעך פון די פארטייען אדער פון אייער מוניציפאליטעט.

**שטימען פאר א פארטיי**

ערשט שטימט איר פאר א פארטיי. די נאמען פון די פארטייי איז אויפגעשריבן אויפן שטים צעטל. אויב קענט איר נישט טרעפן די שטים צעטלעך פון אייער פארטיי, קענט איר נעמען א ליידיגע צעטל און ארויפשרייבן אייער פארטיי'ס נאמען דערויף די קלארסטע וואס מעגליך.

Valmyndigheten

**פארצוג שטימע פאר אן אינדיווידועל**

אויב ווילט איר ספעציפיש אז איינער פון אייער פארטייס קאנדידאטן זאל ווערן ערוועלט, קענט איר געבן דעם פארשוין א פארצוגס שטימע דורכן לייגן א X אין די קעסטל צו די לינקס פון דעם קאנדידאט'ס נאמען אויפן שטים צעטל. איר קענט דאס טוען בלויז פאר **איין** קאנדידאט.

**איר מוזט אויפווייזן אייער אידענדיטעט**

כדי צו קענען שטימען מוזט איר קענען אויפווייזן אייער איידענטיטעט דורך ווייזן אן אידענטיפיקאציע דאקומענט, ווי למשל א דרייווער'ס לייסענס אדער פאספארט. אויב האט איר נישט קיין שום אידענטיפיקאציע, קען א צווייטער מענטש אויפווייזן אייער אידענטיטעט, אבער יענער מוז ווייזן אן אידענטיפיקאציע דאקומענט.

## שטימען

**שטימען ביי אייער שטים סטאנציע אינעם טאג פון די וואלן**

איר קענט נאר שטימען ביי די שטים סטאנציע וואס שטייט אויף אייער שטים קארטל. די שטים סטאנציע פאנגט זיך אן ארום דריי וואכן פאר די טאג פון די וואלן און בלייבט אפן ביז די טאג פון די וואלן.

**שטימען פרי אין אייער אדער אין אן אנדערע מוניציפאליטעט**

שטימען פרי מיינט אז איר שטימט אין א פלאץ אינדרויסן פון אייער שטים סטאנציע. פרי שטימען הייבט זיך אן אומגעפער דריי וואכן איידער דעם טאג פון די וואלן, און גייט אן ביז די טאג פון די וואלן. פלעצער ווי מען קען שטימען פרי קען אריינרעכענען די מוניציפאלע געביידע אדער די לייברערי.

איר מוזט האבן אייער שטים קארטל מיט אייך ווען איר שטימט פרי, וויבאלד עס ווערט גענוצט צו שיקן אייער שטימע צו אייער שטים סטאנציע ווי אייער שטימע ווערט געציילט.
איר קענט טרעפן אינפארמאציע איבער וואו איר קענט שטימען פרי דורך גיין צו www.val.se, אדער פון אייער מוניציפאליטעט.

**שטימען פון אויסלאנד**

אויב זענט איר אין אויסלאנד, קענט איר שטימען דורך די פאסט אדער שטימען אין פילע שוועדישע אמבאסאדעס אדער שוועדישע קאנסולאטס. צו קענען שטימען מיט די פאסט וועט איר דארפן האבן מאטריאל וואס איר קענט באשטעלן פון די וואל אויטאריטעט. איר קענט שטימען דורך די פאסט נישט פריער ווי 45 טעג פאר די וואלן טאג און ביי אמבאסאדעס און קאנסולאטס נישט פריער ווי 24 טעג פאר די וואלן טאג.

**געוויסע מענטשן קענען שטימען דורך א שליח**

איר קענט שטימען דורך א שליח אויב איר קענט נישט אליינס גיין צו די שטים סטאנציע אדער אנדערע שטים ערטער צוליב הויכע עלטער, קראנקהייט, אדער הענדיקעפ. אין די פעלער, קען אייער מאן, ווייב מיטאיינוואוינער אדער די קינדער, אייניקלעך, עלטערן אדער געשוויסטער פון אייער מאן, ווייב אדער מיטאיינוואוינער זיין אייער שליח. אויב איר האט איינער וואס גיבט זיך אפ מיט אייך סיי פראפעסיאנאל אדער אויף אן ענליכע אופן, קען דער מענטש אויך זיין אייער שליח. איר קענט אויך שטימען דורך א שליח אויב איר זענט אין דעטענשען אדער איר זענט אן ארעסטאנט. די באאמטע דארט קענען אייך אויך העלפן. אויב איר זענט אויף די רורעל פאסט דעליווערי וועג, קען דער רורעל פאסט טרעגער זיין אייער שליח. אויב איר זענט נישט באקאנט מיט איינער וואס קען זיין אייער שליח, קען אייער מוניציפאליטעט אראנדזשירן פאר א וואלן ארבעטער צו קומען צו אייער שטיב. איר דארפט זיך פארבינדן מיט אייער מוניציפאליטעט.

צו שטימען דורך א שליח וועט איר דארפן האבן ספעציעלע מאטריאל וואס איר קענט באשטעלן פון אייער מוניציפאליטעט אדער וואלן אוטאריטעט.